פערלאג „די וועלט“.

ה. קונאוו.

# די גרונד-געדאנקען פון אנארכיזם.

(איבערזעצט פון דייטשען מאנוסקריפט).

ווילנא.
דרוקעריי וויטווע עט געברידער ראם.
1906

Г. Куновъ Критика основныхъ положеній анархизма.

ВИЛЬНА.
Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Уголъ Духовскаго и Глухого пер. соб. домъ № 1/2.
1906.

# די גרונד־געדאנקען פון דעם אנארכיזם.

## פון הענריך קונאוו*).

די אנארכיסטישע שטרעמונג, וועלכע האט מיט צוואנציג־דרייסיג יאהר צוריק פערכאפט און צוגעצויגען א טייל פון די אייראפעאישע ארבייטער, האט פון יענער צייט אן אויף א סך פערלארען איהר קראפט. וואס מעהר די ארבייטער האבען בעגריפען זייער היסטארישע שליחות, וואס מעהר זיי האבען זיך צוזאמענגעשלאסען אין א בעזונדערען קלאס געגען אלע בורזשואזע שיכטען פון דער געזעלשאפט, אלץ מעהר האט די אנארכיסטישע טעאריע פערלארען איהר איינפלוס אויף דעם קעמפפענדען פראלעטאריאט. כמעט אומעטום, אין דייטשלאנד, ענגלאנד, פראנקרייך, עסטרייך, רוסלאנד, בעלגיען אפילו אויך אין האלאנד האט די אידעע פון סאציאליזם גובר געווען די אנארכיסטישע לעהרע. שפאניען און איטאליען זיינען די איינציגע לענדער פון אייראפא, וואו דער אנארכיזם האט נאך ביז היינטיגען טאג א היבשע צאהל אנהענגער. און אויך דארט האלט זיך דער אנארכיזם נאר אין די עקאנאמיש אבגעשטאנענע געגענדען און ניט אין יענע טיילען פון לאנד, וואו די גרויס־אינדוסטריע איז אריינגעדרונגען, וואו די געמיינשאפטליכע ארבייט אין גרויסע בעטריעבען לעהרנט אויס דעם ארבייטער צו פערשטעהן די בעדינגונגען פון דער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג און בעוויזט איהם צו גלייכער צייט די בעדייטונג פון דיסציפלין און אחדות. ניט אין די אינדוסטריעלע פראווינצען פון צפון־שפאניען האט דער אנארכיזם געפונען דעם גרעסטען טייל פון זיינע

*) דער חבר הענריך קונאוו, רעדאקטאר פון בערלינער „פארווערטס“, האט דעם ארטיקל געשריבען ספעציעל פאר אונז.

אנהענגער, נאר אין די פעראראטען; דארפישע געגענדען פון דרום, דער עיקר אין אנדאלוזיען; און די פאהן פון דעם אנארכיזם טראגען דארטען דער ס׳רוב די פראלעטאריזירטע ליטעראטען, געלעהרטע, קליינע האנדווערקער, קודם כל אבער די דארפישע שכירות־ארבייטער און די האלב־פעכטער*), וואס די אפטע אונגערעכטיגקייטען אויף די פעלדער און די אומ׳ברחמנות׳דיגע עקספלואטאציע פון די גרוים פריצים ברענגען זיי צו א פערצווייפעלטער לאגע. פונקט די זעלבע ערשיינונג טרעפען מיר אויך אין איטאליען. אויך דא געווינט דער אנארכיזם די גרעסטע צאהל פון זיינע אנהענגער ניט צווישען די אינדוסטריעלע ארבייטער פון די עקאנאמיש מעהר ענטוויקעלטע געגענדען, ווי צ. ב. לאמבארדיען אין צפון־איטאליען, נאר צווישען די בעפעלקערונגס שיכטען פון דרום־איטאליען, וואס בעשעפטיגען זיך מיט פעלד־ארבייט אדער ציהען זייער חיונה פון קליינבעטריעב, בעזאנדערס אין די פראווינצען קאלאבריען און קאמפאניען ווי אויך אויף דעם אינזעל סיציליען.

דאס איז ניט קיין צופאל. דער סאציאליזם און דער אנארכיזם שטאמען פון גאנץ פערשיעדענע בעאבאכטונגען און השגות, פון גאנץ פערשיעדענע עקאנאמישע לעבענס־בעדינגונגען. זעהר אפט קומט אפילו אוים צו הערען די מיינונג, אז דער אנארכיזם איז נור אן ענערגישערע, שארפערע און מעהר רעוואלוציאנערע פארם פון דעם סאציאליזם, אז זיי האבען אייגענטליך ביידע דעם [illegible] ציעל, דער אונטערשייד ליעגט נור אין די מיטלען, דורך וועלכע מען ווי קומען צום ציעל. די דאזיגע מיינונג הגם אפילו א סך גלויבען אין איהר, איז לחלוטין ניט ריכטיג. אין א געוויסען פרט געהט זיך אמת צונויף דער אנארכיזם מיט דעם סאציאליזם: ביידע ווילען זיי פערבייטען די היינטיגע געזעלשאפטליכע ארדנונג מיט אן׳אנדערער; אבער דערמיט לאזט זיך אוים די עהנליכקייט צווישען זיי. דער ציעל, דאס הייסט די נייע געזעלשאפטליכע ארדנונג, צו וועלכער זיי שטרעבען, איז בשום אופן ניט דערזעלבער; ער איז אפילו אויך ניט קיין גלייכארטיגער. און אויך אזוי ווענין זענען צווישען זיך גלייך זייערע מאטיווען און זייערע בעגרי־

*) פיעטיס, וואס ארבייטען אויף פרעמדע ערד און גיבען אוועק דעם בעל־הבית פון די ערד א העלפט פון די ארבייטסגעוועהנטע תבואה.

פֿען וועגען דעם; מיט וואס פֿאר א וועג עס וועט געהן די ענטוויקלונג און ביי וועלכע בעדינגונגען זי וועט פֿארקומען.

ציעלענדיג זיך צו א נייער געזעלשאפֿטליכער ארדנונג, נעהמט דערביי ארויס דער סאציאליזם פֿון דעם ביז איצטיגען ענטוויקלונגס־גאנג און פֿון די בעדינגונגען, וואס זענען דורך איהם געשאפֿען געווארען פֿאר דער ווייטערער ענטוויקלונג. דער הײלער בעגעהר אליין אהן דער גענויער בעטראכטונג פֿון די דאזיגע בעדינגונגען — דאס האלט דער סאציאליזם פֿאר אוננוצליך. דער בעגעהר מוז צוגעפאסט ווערען צו די היסטאריש עקזיסטירענדע ענטוויקלונגס־בעדינגונגען, ד. ה. דער ארבייטער־קלאס קען זיך שטעלען נור אזעלכע ציעלען, וואס די בעדינגונגען צו זייער פֿערווירקליכונג ווערען געשאפֿען דורך דער ענטוויקלונג גופא. אזעלכע בעגעהרען, וואס זענען געגען די טענדענצען פֿון דער ענטוויקלונג, קענען ניט מקוים ווערען און אין דעם ווייטערען פֿערלויף פֿון דעם פֿארטשריט ווערען זיי פֿערווארפֿען אין א זייט.

דער מענש אויסער דער געזעלשאפֿט, דער איזאלירטער — זאגט ווייטער די סאציאליסטישע לעהרע — איז נור אן׳אבסטראקטע פֿארשטעלונג, וועלכע רעכענט זיך ניט מיט דער ווירקליכקייט. וואו מיר געפֿינען נור מענשען לעבען זיי אין געזעלשאפֿטען: אין הארדען, משפחות, שבטים, דארף־קהלות, מלוכות און א. וו. לעבען אין א געזעלשאפֿט איז אבער נור דאן מעגליך, ווען די איינצעלנע מענשען פאסען זיך צו איינע צו די אנדערע. פֿונדעסטוועגען בילדען זיך אויס אין יעדער געזעלשאפֿט, לויט נאך די בעזונדערע לעבענס־בעדינגונגען, געוויסע נארמען פֿאר די בעציהונגען פֿון די איינצעלנע מענשען צווישען זיך ווי אויך צו דער גאנצער געזעלשאפֿט: תקנות אהן וועלכע דאס צוזאמענלעבען וואלט אוממעגליך געווען. ניט אלע מאל נעהמען אן די דאזיגע נארמען די פֿארם פֿון פֿעסטע געזעצען און דינים. עס זענען פֿאראן א סך תקנות, וועלכע בעקומען קיין מאל ניט די קראפֿט פֿון א געזעץ און בלייבען שטענדיג א געבאט פֿון מאראל, דרך־ארץ, שכל אדער אנשטענדיגקייט און זיי האבען א געוויסע ווירקונג אויף דעם סאציאלען לעבען. עס איז אויך ניט נויטיג, אז יעדער רעכטס־תקנה זאל איינגעדריקט ווערען אין א בעשטימטען געשריבענעם רעכטס־פאראגראף. א הויך דעם געשריבענעם רעכט געפֿינען מיר זעהר אפֿט דעם ניט געשריעב־

בענעם געוועהנהייטס־רעכט, און מעהר אדער העניגער בעשטימטע רעכטס־מנהגים. יעדע מענשליכע געזעלשאפט מוז זיך אבער בא־שאפען א געוויסע רעכטס־ארדנונג און זי פערלאנגט און מוז פער־לאנגען פון דעם יחיד, אז ער זאל די דאזיגע רעכטס־ארדנונג אנ־ערקענען, אהן דעם שטעהט בכלל אין סכנה דאס געזעלשאפטליכע צוזאמענלעבען.

די דאזיגע רעכטס־ארדנונג בויט זיך נאטירליך לויט נאך די עקאנאמישע עקזיסטענץ־בעדינגונגען פון דער געזעלשאפט, נאך דער ארט, ווי זי געווינט איהרע לעבענס־מיטלען און לויט נאך איהר אינערליכער ארגאניזאציע (די צוטיילונג אויף קאסטען, שטאנדען אדער קלאססען). און דעריבער זעהען מיר, ווען מיר בעטראכטען די געשיכטע פון דער מענשהייט, אז די פערשידענארטיגסטע רעכטס־ארדנונגען זענען איינע נאך די אנדערע אונטערגעגאנגען, — אנ'אנדער'ס מאל פריעדליך, ווען מיט דער פערענדערונג פון די געזעלשאפטליכע לעבענס־בעדינגונגען האבען זיך גלייכצייטיג אויך אומגעענדערט די רעכטס־פארמען, א סך אפטער אבער מיט געוואלד, ווען די הערשענדע קלאססען האבען צוליעב זייערע עגאאיסטישע אינטערעסען געסטארעט זיך ניט צו דערלאזען, אז די רעכטס־פארמען זאלען צוגעפאסט ווערען צו די אומגעענדערטע לעבענס־בעדינגונגען און האבען דורכדעם ארויסגערופען דעם ווידערשטאנד פון די אונטערגעדריקטע קלאססען.

אזוי איז אויך דער היינטיגער קאמפף פון דעם ארבייטער־קלאס געגען דעם קאפיטאליזם און געגען די קלאססען, וועלכע שטעהען פאר זיין קיום, *ניט מעהר ווי א קאמפף פאר א העכערער רעכטס־ארדנונג*, פאר דער סאציאליסטישער רעגולירונג פון דעם סאציאלען צוזאמענלעבען און צוזאמענווירקען.

די סאציאלדעמאקראטיע שטעלט זיך בשום אופן ניט פאר איהר אויפגאבע אבצושאפען בכלל יעדערליי רעכטס־ארדנונג, אויך וויל זי ניט אבשאפען דעם רעכטס־צוואנג, ד. ה. די פאדערונג, אז יעדערער איז מחויב צו פאלגען און צו מקיים זיין געוויסע הקנות, וועלכע זענען נויטיג צוליעב דעם געמיינ־שאפטליכען לעבען אין איין געזעלשאפט. די סאציאלדעמא־

קראַטיע ווענדט זיך בלויז נאָר געגען דעם אינהאַלט פון דער היינטיגער רעכטס-אָרדנונג.

דאָס איז דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער שטאַנדפּונקט. די אַנאַרכיסטישע לעהרע געהט אַרויס פון אַ גאַנץ אַנדערער שטה. זי וויל ניט וויסען פון דער גאַנצער ביז איצטיגער ענטוויקלונג, זי לייקענט אָב, אַז ס'איז איבערהויפּט נייטיג אַ וועלכע ניט איז רעגולירונג פון דעם געזעלשאַפטליכען צוזאַמענלעבען. דער אַנאַרכיסטישער פּרינציפּ פּראָטעסט ניט בלויז די היינטיגע רעגולירונג פון דער געזעלשאַפט, נאָר בכלל יעדער אַרט רעגולירונג, וועלכע לעגט אַרויף אַ צוואַנג, אַ הכרח אויף דעם איינצעלנעם מענשען. דער אַנאַרכיזם ערקלערט, אַז יעדער הכרח, וועלכע די מענשען לעגען אַרויף איינע אויף די אַנדערע, אויך דער רעכט-ליכער צוואַנג, וועלכען די געזעלשאַפט לעגט אַרויף אויף איהרע איינצעלנע מיטגליעדער, האָט קיין שום גרונד ניט, ווייל ער שטערט דער ענטוויקלונג פון דער אינדיווידואַליטעט, בעגרענצט די אייגענאַרטיגקייט פון דעם איינצעלנעם מענשען און גיט איהם אָב אין רשות פון אַן אַנדערענס רצון; עס איז דערביי גאַנץ גלייך ווער דער אַנדערער איז: אַ פּערזאָן, אַ זעלבסט-הערשענדע אָדער דעמאָקראַטישע מלוכה אָדער די מעהרהייט פון אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. פון וואַנען דער צוואַנג זאָל ניט שטאַמען — מוז ער אָבגעשאַפט ווערען. דעריבער פאָדערט דער אַנאַרכיזם די איינפיהרונג פון אַזעלכע קאָמונען, וועלכע זאָלען ניט אַרויפלעגען קיין הכרח אויף דעם איינצעלנעם מיטגליעד, זאָלען איהם ניט בינדען דורך געזעצען און רעכטסנאָרמען.

אָבער ווי באַלד עס וועלען ניט עקזיסטירען קיינערליי פערפּפליכטענדע תקנות — וועט עס דען ניט ברענגען צו אנ'אַלגע-מיינער אונאָרדנונג, צו אַ צושטאַנד פון אַ פאָלקאָמענעם ווילקיר, ווייל יעדערער וועט זיך פּרובען דורכפיהרען זיין רצון געגען דעם רצון פון די אַנדערע און אין דעם ראַזיגען קאַמפּף וועלען סוף כל סוף מנצח זיין די שטאַרקערע אינדיווידען? די אַנאַרכיסטישע לעהרע לייקענט אָב, אַז די אָבשאַפונג פון דעם רעכטס צוואַנג וועט ברענגען צו אַזעלכע רעזולטאַטען. פונקט אַזוי ווי זי שפּרינגט אַריבער די גאַנצע געשיכטליכע ערפאַהרונג און שטיצט זיך ניט

אויף די עקזיסטירענדע פאקטען פון דער ענטוויקלונג, נאר אויף דעם פון קאמפף אויסגעטראכטען העכסטען רעכט פון דער אינדיווידו־אליטעט, אויך אזוי וויל זי אויף א האר ניט רעכענען זיך מיט דעם קאמפף פון די פערשיעדענע אינטערעסען, וועלכער שפיעלט זיך אב אין דער מענשליכער וועלט צווישען גרופען איינצעלנע פער־זאנען און זי גלויבט אין דער עקזיסטענץ פון אן אייביגער נאטיר־ליכער הארמאניע. פונקט ווי אין די מהנות און סטאדעס פון חיות הערשט א נאטירליכע ארדנונג און הארמאניע, אזוי וואלט אויך אין דער מענשליכער געזעלשאפט — ווי עס רעכענט די אנארכיס־טישע טהעאריע — אליין אבגעלאפען הארמאניש, ווי באלד נאר מען וואלט פטור געווען פון דער געזעצגעבעריי, מיט וועלכער מען פערנעהמט זיך שוין טויזענדטער יאהרען, און מען וואלט ניט שטערען די קרעפטען פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען פריי צו ענטוויקלען זיך. פאר דעם אנארכיזם גילט די הארמאניע ווי א מין נאטירליכער געזעץ און דעריבער געפינט ער, אז זי שפיעגעלט זיך אב אומעטום אין דעם לעבען פון די פעלקער, צום אונטערשיעד פון די דארוויניסטישע סאציאל־טהעארעטיקער, וועלכע בויען די גאנצע סאציאלע ענטוויקלונג אויף דעם קאמפף פאר'ן לעבען. דער פרינציפ פון דער הארמאניע ליעגט אויך אין דעם יסוד פון דעם קאפיטאליסטישען געזעלשאפט'ס לעבען. די פראדוקציאן ווי די בעדינגונגען פון דעם אויסטויש און פערקעהר וואלטען אונפערמיידליך געבראכט, — ווי עס רעכענען די הויפט־טהעארעטיקער פון דעם אנארכיזם, — צו א נאטירליכער ארדנונג, ווי באלד נאר עס וואלטען געפאלען די עקזיסטירענדע געזעצען, וועלכע אונטערדריקען די מעהרהייט פון דער געזעלשאפט לטובה פון דעם פריווילעגירטען מיעוט. אזוי זאגט, צ. ב. פיער יאזעף פרודאן, וועלכער איז צוגלייך מיט מאקס שטירנער דער אייגענטליכער בעגרינדער פון אנארכיזם, אין זיין „רעליגיע פון א רעוואלוציאנער".

„אזוי ווי די טהעטיגקייטס־ספערע פון יעדער בירגער ווערט בעשטימט דורך דער נאטירליכער טהיילונג פון דער ארבייט און דורך דעם מקור פון פרנסה, וואס יעדערער קלייבט זיך אויס, אזוי ווי די סאציאלע פונקציעס שטעהען צווישען זיך אין אזא פערביג־דונג, אז זיי ברענגען מיט א הארמאנישע ווירקונג, דעריבער ווערט בעשאפען די ארדנונג פון דער פרייער טהעטיגקייט פון אלע מענ־

שױן. ניטא קײן רעגירונג. װער ס'לעגט אױף מיר ארױף א האנד, כדי איבער מיר צו רעגירען, — איז אן'אוזורפאטאר און א טיראן. איך ערקלער איהם פאר מײן שונא".

און די דאזיגע מײנונג פון פרודאן, אז דער עקאנאמישער מעכאניזם ברײנגט פון זיך אלײן, אהן יעדװעדער רעגירערײ, צו צו א הארמאנישער ארדנונג, גילט ניט נור פאר דער צוקונפט, זי גילט אויך שוין פאר דער איצטיגער קאפיטאליסטישער סחורה־פראדוקציאן. דערצו איז נור נויטיג, אז דעם ארט פון דער פאליטישער מאכט זאל פערנעהמען די פרײע ענטװיקלונג פון די עקאנאמישע קרעפטען. װי עס איז באקאנט, האט זיך טאקי פרודאן שוין אין 1849־טען יאהר גע־פרובט אויפשטעלען די „נאטירליכע הארמאניע פון דעם סאציאלען פערקעהר", גרינדענדיג אין פאריז א טױש־באנק, װאו יעדער ליפע־ראנט בעקומט פאר זײנע צוגעשטעלטע סחורות א צעטעל, װעלכע ער קען אויסבײטען בײ דער באנק אויף אנדערע פראדוקטען. עס האט זיך אבער ארױסגעװיזען, אז דער באנק־פראיעקט, דורך װעל־כען פרודאן האט געװעלט, װי ער האט זיך אויסגעדריקט, בעזײ־טיגען „ביסלעכװײז די גאנצע רעגירונגס־מאשין", איז געװען אזוי װעניג לעבענס פעהיג אז מען האט איהם גאר ניט געקענט װי געהעריג דורכפיהרען אין לעבען און באלד נאכדעם װי פרודאן איז צוליעב א פאליטישען פערברעכען אנטלאפען אין שװײץ, איז די באנק אין גאנצען אונטערגעגאנגען.

נאר די אנארכיסטישע טהעארעטיקער װילען זיך פונדעסט־װעגען אויך ניט אינגאנצען פערלאזען אויף דער נאטירליכער הארמאניע. זײ האלטען אויך פאר נויטיג א געװיסע בעגרענצטע רעגולירונג, אבער זי טאר ניט שטאמען פון אזעלכע רעכטס־נארמען, װאס װערען אויסגעארבײט דורך דער גאנצער געזעל־שאפט; די רעגולירונג מוז אויפגעשטעלט װערען דורך דעם פרײען אבמאך צװישען אײנצעלנע מענשען. דורך א הינטערטיר פיהרט אויף אזא אופן דער אנארכיזם צוריק ארײן אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען די נאר װאס פערװארפענע רעגולירונג און ער ריסקירט נאך דערמיט א חוץ דעם די פין אײביג אן בעשטימטע נאטירליכע הארמאניע. אויב ס'איז ריכטיג, אז װי נאר די נעזעצען װעלען פאלען, װעט דאס געמײנשאפטליכע צוזאמענ־

דעבען פון זיך אליין אונפערמיידליך ברינגען צו א הארמאניע, דאן איז דאך לכל הפחות איבעריג צו סטארען זיך אויפשטעלען די דאזיגע הארמאניע אין נאך אויסערדעם דורך אבמאכונגען. אדער די אבמאכונגען שטימען מיט דער נאטירליכער הארמאניע, דאמאלסט קען מען דאך לחלוטין אויסקומען אהן זיי, ווייל וואס עס ווערט פון זיך אליין פערווירקליכט מיט א נאטירליכער נאטווענדיגקייט, דאס דארף מען דאך ניט רעגולירען דורך קאנטראקטען. אויב אבער די דאזיגע קאנטראקטען דארפען פעסטשטעלען אזעלכע נארמען, צו וועלכע די פרייע בעציהונגען צווישען די געזעלשאפטס-מיטגליעדער וואלטען ניט געבראכט פון זיך אליין, דאן הייסט עס צוגעבען אן אנדער געשטאלט דער נאטירליכער הארמאניע און אונזיניגערהייט אריינמישען זיך אין איהר.

וואס זאל מען טהאן ווען ווער ניט איז וויל ניט מקיים זיין דעם געשלאסענעם אבמאך? זאל מען איהם צווינגען צו האלטען ווארט, ד. ה. זאל דער קהל דורך צוואנגס-מיטלען קענען נויטען דעם יחיד צו ערפילען די התחייבות, וואס ער האט איף זיך גענומען? אייניגע אנארכיסטען לייקענען אב דאס דאזיגע רעכט פון דעם קהל, ווייל זיי פיהלען אז זיי פיהרען דערמיט צוריק אריין דעם רעכטס-צוואנג, געגען וועלכען זיי האבען ארויסגעשטעלט זייערע טענות. ווייל אויב מען זאל געבען דער אנארכיסטישער גרופע אדער דער עקאנאמישער קאמונע אזא מין מאכט איבער איהרע איינצעלנע מיטגליעדער, דאמאלסט וועט דער גאנצער אונטערשיעד צווישען דעם היינט און דער צוקונפט בעשטעהען נאר אין דעם, וואס איצטער פיהרט דורך דעם צוואנג די מלוכה אלס א גאנצע ארגאניזאציע דורך איהרע ארגאנען — און דער אנארכיסטישער ארדנונג וועט איהם דורכפיהרען די קאמונע.

זאל מען אבער, צוריק גערעדט, יעדער מיטגליעד פריי איבערלאזען צו טהאן ווי ער וויל: צו ערפילען זיינע התחייבות אדער ניט, דאמאלסט האט דאך אבער די גאנצע סיסטעם פון אבמאכונגען קיין שום צוועק ניט. דאס האבען טאקע אויך פערשטאנען אנדערע אנארכיסטען און זיי האבען דערפון געדרונגען, אז אויב ווער ניט איז וועט ניט מקיים זיין זיין אבמאך אדער ער

וועט זיך וועלען ארויסדרעהען פון דער ארבייט, וועלכע זיין קאמונע האט געפונען פאר נויטיג פעסטצושטעל'ען, וועט מען איהם איינפאך אויסשליסען פון דער קאמונע. אזוי זאגט טאקע, צ. ב. קראפאטקין, אז אויב א מיטגליעד וועט שטעלען אין סכנה דעם אונטערנעהמען פון זיין גרופע דורך זיין ווידערשטאנד אדער פוילקייט, וועלען איהם זיינע חברים פשוט ערקלערען:

„מיין ליעבער פריינד, מיר וואלטען גערן געוואלט ארבייטען מיט דיר צוזאמען, אבער אזוי ווי דו קומסט ניט אפט צו דער ארבייט אדער דו טהוסט דיין זאך זעהר נאכלעסיג, מוזען מיר זיך שיידען. זוך זיך דיר אנדערע חברים וועלכע וועלען זיך קענען צופאסען צו דיין אבגעלאזענקייט און פוילקייט".

דער צוואנג, דורך וועלכען די פרייע אנארכיסטישע גרופען וועלען, נאך קראפאטקינס מיינונג, ווירקען אין דער צוקונפט אויף זייערע מיטגליעדער איז בעצם גאר ניט פערשיעדען פון דעם צוואנג, דורך וועלכען עס ווירקט אין דער היינטיגער געזעלשאפט דער איינצעלנער אונטערנעהמער אויף זיינע ארבייטער. אויך דער היינטיגער קאפיטאליסט איז זיך נוהג צו זאגען צו זיין שכירות־שקלאף, וועלכער הארעוועט פאר איהם צו ווענינ: דו טהוסט מיר וועניג וואס אויף, דו מאכסט דיין ארבייט צו נאכלעסיג, מיר מוזען זיך שיידען; זוך זיך דו אנ'אנדער ארט.

און ווייטער. וואס טהוט מען ווען עס פערפיהרט זיך א סכסוך צווישען די פערשיעדענע פרייע גרופען, צ. ב. וועגען דער בענוצונג פון די טייכען אויף צו בעוועסערען די פעלדער? האבען דאן די אנדערע גרופען דאס רעכט אריינצומישען זיך אין שטרייט אדער מען דארף איבערלאזען די פעראינטערעסירטע צדדים, אז זיי זאלען מיט זייערע אייגענע כוחות ברייגנען דעם קאמפף צו א סוף, ד. ה. זאל מען דעם שטארקערען ערלויבען, אז ער זאל צווינגען דעם שוואכען צו ערפילען זיין רצון? דעריוף וויסען די טהעארעטיקער פון דעם אנארכיזם נאר איין תירוץ: „דאס וועט זיך סוף כל סוף פון זיך אליין רעגולירען".

דער גרונד־פעהלער פון דער אנארכיסטישער לעהרע בע־שטעהט אין דעם, וואס זי געהט ארויס דורכאויס נור פון סוביעק־טיווע בעגעהרען און רעכענט זיך ניט וואס א האר איז ווערטה מיט די טענדענצען פון דער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג. די אנאר־

כיסטישע טהעארעטיקער וויזען אויף דער נאטירליכער הארמאניע, וואס הערשט אין די געמיינשאפטען פון חיות. זיי רעכענען, אפנים, אז די דאזיגע געמיינשאפטען קומען אויס גאר אהן יעדערליי צוואנג. אין דער אמת'ן איז די מעשה גאר ניט אזוי. וואו מיר טרעפען חיות, וואס לעבען צוזאמען אין סטאדעס, מחנות א. ז. וו., צ. ב. די ביענען, מוראשקעס, ביבערן, אנדערע ארטען פון אפען א. ז. וו., דארטען זעהען מיר, אז דער איינצעלנער אינדיווידואום מוז פאלגען די געמיינשאפט, אויב ער וויל ניט, אז מען זאל איהם ארויסווארפען אדער טויטען. בעקאנט זענען די געשיכטען פון די ביענען; און עס דערגעהט צו א ווילדען קאמפף, ווען צווישען צוויי אזעלכע געמיינשאפטען קומט פאר א צוזאמענשטויס און זיי פרובען זיך אבנעהמען איינע ביי דער אנדערער דעם וואהנונגס-ארט אדער די שפייז.

אויסערדעם איז אבער דאס לעבען פון די חיות בכלל ניט אלע מאל א ראיה פאר דעם לעבען פון די מענשליכע געזעלשאפטען. די געמיינשאפטען פון חיות לעבען פון דעם שפייז, וועלכען זיי געפינען פארטיגערהייט אין דער נאטור; דער ענטוויקלונג'ס-גאנג פון דער מענשהייט בעשטעהט אבער אין דעם, וואס זי בעפרייט זיך וואס ווייטער אלץ מעהר פון די אייגענע נאטור-בעדינגונגען, דורך דעם וואס זי בעשאפט פאר זיך דורך איהר פראדוקציאנס-טהעטיגקייט די נויטיגע מיטלען צום לעבען. אבער כדי גובר צו זיין די פריהערדיגע אבהענגיגקייט פון דער נאטור — צוליעב דעם איז נויטיג געווען די געמיינשאפטליכע ארבייט פון די מענשליכע קרעפטען; און דעריבער זענען אלץ אין גרעסערער מאס ארויסגעטראטען אנשטאט די פריהערדיגע לעבענס-בעדינגונגען קינסטליכע סאציאלע עקזיסטענץ-בעדינגונגען, צו וועלכע עס בריינגט מיט די געזעלשאפטליכע ארבייט אויף צו געווינען די מיטלען צום לעבען. רעכענען זיך מיט די דאזיגע סאציאלע בעדינגונגען — דאס איז געווארען א צווינגענדער געבאט פאר די מענשליכע געזעלשאפטען, ווען ניט וואלטען זיי צוריק אראבגעפאלען פון דער עקאנאמישער מדרגה, צו וועלכער זיי האבען דערגרייכט. אבער וואס גרעסער ס'איז א יעגליכע אקטיווען די פראדוקציאנס-טהעטיגקייט, וואס מעהר ס'איז פערוויקעלט געווארען דער מעכאניזם פון דער פראדוקציאן, אלץ גרעסער זענען געווארען

צו גלייכער צייט די מענשליכע געזעלשאפטען און אלץ נויטיגער איז געווארען צו רעגולירען דורך געוויסע געזעצען די נעגענזייטיגע בעציהונגען צווישען זייערע מיטגלידער. פון די קליינע משפחות, שבטים, וואס זייערע מיטגליעדער האבען אנערקענט געוויסע רעכטליכע התחיבות נור בנוגע צו זייערע אייגענע חברים פון דער זעלבער משפחה אדער שבט אבער ניט בנוגע צו די מיטגליעדער פון פרעמדע משפחות, זענען אויסגעוואקסען אומות, פערבאנדען פון שבטים, מלוכות און פעלקער און לסוף די היינטיגע גרויסע מלוכות. און וואס מעהר עס זענען אויסגעוואקסען די דאזיגע מענשליכע געזעלשאפטען, אלץ מעהר האט געמוזט רעגולירט ווערען דורך בעשטימטע רעכטליכע נארמען דאס צוזאמענלעבען פון די גרויסע מענשען־מאסען, וואס זענען אין זיי פעראייניגט. ביי היינטיגען טאג בעפרידיגט שוין ניט די רעכט־ליכע רעגולירונג פון דעם געמיינשאפטליכען לעבען אין דער מלוכה נופא די בעדערפנישען פון דעם עקאנאמישען מעכאניזם. אריבער די גרעניצען פון דער מלוכה מוזען איצטער געשאפען ווערען נייע רעכטליכע נארמען פאר דעם אינטערנאציאנאלען פערקעהר. עס קומט אויף א נייעס רעכט, דאס פעלקער־רעכט, ווי מען רופט איהם.

דאס איז די ווירקליכע ענטוויקלונג. דער רעזולטאט איז — ווען מיר זאלען געברויכען א יוריסטישען אויסדרוק — די אלץ ברייטערע פערשפרייטונג פון דער „רעכטס־ספערע' און דעם „רעכטס־צוואנג", צו גלייכער צייט אבער אויך פון דעם רעכטליכען שוץ און דער רעכטליכער זיכערהייט.

פון גרויס ההמיה צום קאמפף געגען דעם רעכטס־צוואנג פון דער מלוכה פערגעסט די אנארכיסטישע לעהרע אויף דעם פאקט, אז ניט נאר די רעכטליכע צוואנגס־געבאטען אליין בעגרענצען די פרייהייט פון דעם יחיד, נאר אויך ניט וועניגער די צוואנגס־געבאטען פון דעם מנהג און דרך ארץ. אפט ווייזט זיך אפילו ארויס דער דאזיגער צוואנג פון דעם אנערקענטען מנהג א סך טיראנישער ווי דער צוואנג פון דעם געשריבענעם רעכט. און דער צוואנג פון דעם מנהג ווערט דורך דער בעזייטיגונג פון דער מלוכה אויף א האר ניט אבגעשאפט געווארען; ער ווערט אויך ניט שוואכער, נאר שטארקער. עס זענען דא אזעלכע ביישפיעלען, אז וואס

פריהער איז געוועזען רעכטס־צוואנג, איז היינט געווארען א מאראַלישער צוואנג. און אויך ווי ווייט עס איז פארציהען, קען מען רעכענען, אז א סך נארמען, וואס גילטען היינט אלס מלוכה־צוואנג וועלען ארויסטרעטען אין דער צוקינפטיגער געזעלשאפט אלס א צוואנג פון מאראל און דיסציפלין, אלס א צוואנג פון דער עפענטליכער מיינונג און וועלען האלטען דעם איינצעלנעם מענשען אין בעשטימטע גרענצען פונקט אזוי, ווי איצטער טהוען דאס די געזעצען פון דער מלוכה.

די אנארכיסטישע טהעאריען איגנארירען אלע דיזע פאקטען פון דער ענטוויקלונג. ביי זייערע בעטראכטונגען גיהען זיי ארויס ניט פון דעם היסטאריש ענטוויקעלטען און דעם עקזיסטירענדען צושטאנד, ניט פון דעם מענשען, אלס א געזעלשאפטליכע בעשעפעניש, נאר פון דעם איינצעלנעם אינדיווידואום. דעריבער פערשטעהען ניט א סך פון זייערע טהעארעטיקער, וואס עס בעגרייפט יעדער איצטיגער אינדוסטריעלער ארבייטער: אז די גרויס־אינדוסטריע טרייבט צו דער קאנצענטראציע פון די בעטריעבען, צו דער צוזאמענווירקונג פון א סך מענשען אין גרויסע ארבייטס־ווערקשטאטען און צו דער אונטערארדנונג פון יעדער איינצעלנעם אונטער דעם גאנצען עקאנאמישען מעכאניזם, אז מען קען ניט איבערלאזען דעם איינצעלנעם אינדיווידואום צו טהאן אין דיזען מעכאניזם וואס ער וויל און וואס איהם געפעלט. דער אנארכיזם פאנטאזירט נאך אלץ וועגען דער אינדיווידועלער קליין־פראדוקציאן, וועגען דער „אונאבהענגיגער, זעלבסטשטענדיגער ארבייט". דערמיט ערקלערט זיך, פאר וואס דער אנארכיזם, חאטש אפילו ער ווענדעט זיך איצטער דער עיקר צו די ארבייטער, געפינט ער דאך זעהר א קליינעם אבקלאנג און זעהר ווייניג סימפאטיע פאר זיינע פלענער צווישען די ארבייטער, וואס זענען בעשעפטיגט אין דער גרויסאינדוסטריע. ניט פון די געדאנקען און די געפיהלען פון דעם ארבייטער שטאמט דער אנארכיזם. דער אנארכיזם דאס איז די טהעאריע פון די ראדי־קאל־בורזשואזע ליטעראטען און אינטעליגענטען, וועלכע געהערען ניט צו קיין בעשטימטען קלאס און אין זייער אהנמעכטיגען ווידערשטאנד געגען די רעכטליכע קייטען פון דער בורזשואזער געזעלשאפט, וואס דריקען זיי פון אלע זייטען, ווערען זיי ערביטערט געגען דער מלוכה. און אין די דאזיגע קרייזען, צווישען די ליטעראטען, וואס ראנגלען זיך פאר די מיטלען צום לעבען, צווישען די, וואס פערנעהמען זיך

מיט ליבעראלע פראפעסיעס און זענען אבגעריסען פון יעדער קלאס, צווישען די קליינע קונסט האנדווערקער, וואס שלאגען זיך קים דורך מיט זייער חיונה — צווישען זיי אלע געפינט דער אנארכיזם זיינע סאמע איבערצייגטע אנהענגער.

כדי צו בעגרייפען אז דער אנארכיזם שטאמט פון די ראדיקאל-בורזשואזע אנזיכטען, איז גענוג נאר צו ווארפען א בליק אויף זיין ערשטער אויפקומונג און אויף די שריפטען פון זיינע ערשטע צוויי בעדייטענדסטע טהעארעטיקער: פרודאן און מאקס שטירנער (פסעוודאנים פון קאספער שמידט). די לעהרע פון דעם לעצטען טהעארעטיקער איז בלויז א פילאזאפישע ענטוויקלונג פון דער ראדיקאל-ליבעראלער מאנטשעסטער-טהעאריע, אז די מלוכה דארף זיך מעגליכסט ווייניגער אריינמישען אין סאציאלען לעבען, ווייל דאס צוזאמענווירקען פון די פרייע קרעפטען ברייגגט פון זיך אליין צו א הארמאניע. דער אונטערשיעד בעשטעהט בלויז אין דעם, וואס די ליבעראלע טהעארעטיקער פון דער מאנטשעסטער-שולע האבען פונדעסטוועגען געוואלט איבערלאזען די מאכט פון דער מלוכה פאר געוויסע פאלען, צ. ב. אויף צו שיצען דעם אייגענטום. שטירנער, פערקעהרט, לייקענט אב יעדערליי מאכט פון דער מלוכה. אין איבעריגען שטעקט שטירנער ביז'ן האלז אין בורזשואזע אנזיכטען. ער אנערקענט דעם בורזשואזען אייגענטום — אויך אויף די פראדוקציאנס מיטלען — און די איצטיגע שבירות-סיסטעם. ער פאדערט נאר, אז די רעכטליכע קעטען זאלען פאלען, כדי יעדערער זאל קענען פריי ענטוויקלען זיינע קרעפטען.

„דעריבער זענען מיר ביידע, איך און די מלוכה, „שונאים" — זאגט ער אין זיין שריפט „דער איינציגער און זיין אייגענטום". — מיר, דעם עגאאיסט, ארט גאר ניט פאר דעם וואוילשטאנד פון דער דאזיגער מענשליכער געזעלשאפט, איך בין איהר גארנישט מקרב, און בענוץ זי נאר; כדי אבער איך זאל זי קענען פאלשטענדיג בענוצען מאך איך זי פאר מיין אייגענטום, פאר מיין אייגענע בעשעפעניש, ד. ה. איך פערניכטע זי און בעשאף אויף איהר ארט דעם פעראיין פון עגאאיסטען".

איך אזוי שטעקט פרודאן איינגאנצען אין די ליבעראלע עקאנאמישע אנזיכטען פון זיין צייט. אלע זיינע כללים געהט ער-

ארויס פון די פערהעלטניסען פון דער קליין סחורה־פּראָדוקציאָן. ער נעהמט זיי אן אהן שום טענות און מענות פאר נארמאלע. נאך זיינע בעגריפען איז דעריבער גאר איבעריג צו ווערשט צו פערבייטען דאס איצטיגע קאפּיטאליסטישע עקאנאמישע סיסטעם דורך אַן׳אַנדערער: זיין אַנארכיסטישע געזעלשאַפט קען אויפגעבויט ווערען דירעקט אויף דעם עקאנאמישען יסוד פון דער געזעלשאַפט, וועלכע פּרודאָן האט פאר זיך געזעהען אין פראנקרייך אין מיטען פון פאריגען יאהר הונדערט. עס איז נור נויטיג פטור צו ווערען פון דעם עקזיסטירענדען רעכטסצוואנג. פּרודאָן וויל אויך בשום אופן ניט אבשאפען דעם אייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען; ער טרעט נור ארויס געגען דעם אייגענטום אויף ערד, דעם קאפּיטאל, וואס ליעגט אין ווערקשטאטען און פאבריקען לויבט ער פערקעהרט אין טאג, אט וואס מיר לייענען אין זיין שריפט „אינטערזוכונגען וועגען דעם אייגענטום און גניבה": „דער איצטיגער אייגענטום, וועלכער בערוהט, דאכט זיך, אויף א צווייענדיגע אבסאלוטיזם געגען יעדער יושר, געגען יעדער זין און פערשטאנד, קען בעטראכט ווערען אלס א טריאומף פון דער פרייהייט".

נאך א סך וועניגער פאלט איין פּרודאָנ׳ען צו פערלאנגען די אבשאפונג פון דער היינטיגער שכירות־סיסטעם. אמת, ער רעכענט אז פאר געוויסע פאכען, צ. ב. פאר דעם בעטריעב פון דעם אייזענבאהן־און שיף־פערקעהר זענען מעהר פאסיג אסאציאציעס (ארבייטער־געזעלשאפטען); אבער אויף וויפיעל די בעזונדערע בעדערפנישען פון דער פּראָדוקציאָן און דעם געברויך פאדערען ניט די איינפיהרונג פון ארבייטער־געזעלשאפטען, דארף בלייבען לעבען דער קליין־בעטריעב, ווייל, ווי פּרודאָן רעכענט, איז דעם פובליקום בעסער געפעלען „צו האבען צו טהאן מיט איינצעלנע אונטערנעהמער איידער מיט א קאמפּאניע". „לאמיר ארגאניזירען — רופט ער אויס — דאס רעכט און איבערלאזען דעם קליינעם קרעמער און דעם האנדווערקער די פרייהייט צו טהאן ווי זיי געפעלט".

ווי באלד פּרודאָן איז געשטאנען אויף א אזא שטאנדפונקט איז שוין קיין וואונדער ניט, וואס ער איז בעזארגט וועגען דעם קיום פון דעם מיטעלען קלאס און ער פערווארפט דעם קלאסען־קאמפף ווי אויך די שטרייקען. און ווען בעת דער פראנצויזישער רעוואלוציע פון 1848 טען יאהר האבען זיך פערשארפט די קלאסען־געגענזעצען

צווישען די ארבייטער און דער בורזשואזיע האט פרודאן געפרעדיגט דעם שלום צווישען די קלאסען און האט געשריבען צו זיינע וועהלער:

„די סאציאלע פראגע איז געשטעלט געווארען. איהר וועט איהר ניט אויסמיידען. כדי זי צו פערענטפערען, זיינען נויטיג מענשען, וואס צאמען מיט די ראדיקאלסטע אנזיכטען לעבט אין זיי אויך דער קאנסערוואטיווסטער גייסט. ארבייטער, שטרעקט אויס די האנד צו אייערע בעל-הבתים און איהר, ארבייטגעבער, שטויסט ניט אב פון זיך די מיטווירקונג פון יענע, וועלכע זיינען געווען אייערע שכירות-מענשען".

און וואס איז שייך צו שטרייקען און ארבייטער פעראיינען, שרייבט פרודאן אין זיין שריפט „דאס סיסטעם פון די עקאנאמישע ווידערשפרעכען":

דער שטרייק פון די ארבייטער איז אומלעגאל; און וועגען דעם גיט אונז צו וויסען ניט נור דאס שטראף-געזעצבוך, נאר אויך די עקאנאמישע סיסטעם, די נויטיגקייט פון דער עקזיסטירענדער ארדנונג.

און אין א צווייטען ארט זאגט ער:

„אז יעדער איינצעלנער ארבייטער זאל זיין א בעל-הבית איבער זיין פערזאן און זיינע הענד, דאס קען מען ליידען, אבער אז די ארבייטער זאלען האבען די חוצפה צו דריקען מיט געוואלד דעם קאפיטאל דורך זייערע פעראיינען — דאס קען די געזעלשאפט ניט צולאזען".

עס איז פאר יעדערען קלאר, אז מיט די דאזיגע ווערטער פרודאנס רעדט דער גייסט פון דעם קליינעם בורזשוא.

אזעלכע בורזשואזע אנשויאונגען קענען, פערשטעהט זיך, ניט האבען קיין גרויסען חן אין די אויגען פון די ארבייטער, וואס האבען צו טהאן מיט דעם היינטיגען עקאנאמישען מעכאניזם. די שפעטערע אנארכיסטישע טהעארעטיקער האבען דעריבער, כדי צו געווינען די ארבייטער פאר דעם אנארכיזם, גענומען אבפארבען איהם מיט א מעהר אדער וועניגער שטארקערען קאמוניסטישען קאליר. אזוי איז אויפגעקומען דער זאגענאנטער קאמוניסטישער אנארכיזם: א פיל-פארביגער מישמאש פון אונפעראייניגבארע היפוכים און געגענזאצען. פאר דעם איינגענטליכען ערפינדער פון דעם דאזיגען מישמאש, וואס האט קיין שום ממשות ניט, קען מען רעכענען

דעם רוסישען אפיציער און שפּעטערען שריפטשטעלער, מיכאַאיל באַקונש, ; דער בעל־מפרש און דער טהעאָרעטיקער פון דעם ראזינגען אַנאַרכיזם איז אין אונזער צייט דער בעוואוסטער פירסט קראַפּאָטקין. קיין בעשטימטע אויסגעאַרבייטע טהעאָריע בעזיצט ניט דער קאָמוניסטישער אַנאַרכיזם. אין אַלגעמיין פאָדערט ער די א ב ש אַ פ ו נ ג פ ו ן י ע ד ע ר מ ל ו כ ה ־ א ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע און די איינפיהרונג פון קליינע זעלבסטשטענדיגע קאָלעקטיוויסטישע אָדער קאָמוניסטישע עקאָנאָמישע גרופּען אָדער אָרטיגע געמיינדען, אין וועלכע די בעציהונגען צווישען די איינצעלנע מיטגליעדער וועלען רעגולירט ווערען ניט דורך געזעצען, נאָר דורך פרייע אבמאַכונגען. אבער בנוגע צו דער בעשטימונג פון די דאָזיגע פרייע אבמאַכונגען און בנוגע צו דער ההתחיבות, וועלכע זיי זאָלען אַרויפלעגען אויף די קאָמונע־מיטגליעדער—געהן זיך שוין די מיינונגען זעהר ווייט פאַנאַנדער. איינער רעכענט, ווי צ. ב. פירסט קראַפּאָטקין, אַז ביי געוויסע אומשטאַנדען קען מען צולאָזען, אַז די מעהרהייט זאָל צווינגען די ווידערשפּעניגע קאָמונע־מיטגליעדער צו מקיים זיין די אבמאַכונגען. אַנדערע ווילען נור אנערקענען דעם צוואַנג פון די לעבענס־פערהעלטניסען, ד. ה. זיי רעכענען, אַז די ווידערשפּעניגע וועלען זיך אַזוי לאַנג ארומבלאָקירען פון איין אָרט צום אַנדערען, ביז זיי וועלען זיך אויסלערנען צו פאָלגען די דיסציפּלין. די דריטע ווידער ערקלערען, אַז די אינוועניגסטע האַרמאָניע וועט פון זיך אַליין אויפגעשטעלט ווערען. אויך בנוגע צו דער נויטיגער ראזע פון קאָמוניזם האָט יעדערער זיינע בעזונדערע אנזיכטען. די אַנאַרכיסטען פון דעם אינטעליגענטישען לאַגער האַלטען דער ס'רוב, אַז דער עיקר איז די פרייע ענטוויקלונג פון דער אינדיווידואַליטעט, און די אבשאַפונג פון דעם רעכטס־צוואַנג. דער קאָמוניזם איז פאַר זיי נאָר אַ צוגאָב און דערצו נאָך מיט גאַנץ קנאַפּע מעלות. די אַנאַרכיסטישע אַרבייטער רעכענען געוועהנליך, אַז די הויפּט־זאַך איז, פערקעהרט, די קאָמוניסטישע איינאָרדנונג פון די עקאָנאָמישע גרופּען, די רעכטען פון דער אינדיווידואַליטעט זענען נאָר אַ בייזאַך.

דעריבער וואָלט אויך דער קאָמוניסטישער אַנאַרכיזם קוים פערדיענט, אַז מען זאָל איהם ערנסט בעטראַכטען, ווען ער וואָלט זיך אין געוויסע געגענדען ניט אויסגעריקען אין אַנאַרכיסטישע

אטענטאטען, ווען ער וואלט, צוויטענס, ניט געבראכט קיין שאדען דער איינהייטליכקייט פון דער ארבייטער בעוועגונג, ניט געשטערט איהר ארגאניזאציע און איהר ענטוויקלונג דורך זיין קאמפף געגען „פאליטיש אקציאן". אונטער דיעזער „פאליטישען אקציאן" פערשטעהען די אנארכיסטען ניט יעדער פאליטישע טהעטיגקייט. די אגיטאציע דורך שריפטען און רעדען, די ארגאניזאציע פון אגיטאציאנס־גרופען, די דורכפיהרונג פון פאליטישע אלגעמיינע שטרייקען, בונטען און קאמפפען געגען דער פאליציי—דאס געהערט דער סוד ניט, נאך זייערע בעגריפען, צו דער פאליטישער אקציאן. נאר בעטהייליגען זיך אין די וואהלען און שיקען פערטרעטער פון ארבייטער־קלאס אין פארלאמענט — נאר דאס האלטען זיי פאר א פאליטישען אקט. אויף אזא אופן זאגען זיי זיך אייגענטליך אב נאר פון א טייל פא־ליטישער טהעטיגקייט — און זיי פארדערען, אז מען זאל זיך פון איהם אבזאגען אויך דארטען, וואו עס עקזיסטירט דאס אלגעמיינע גלייכע און געהיימע וואהלרעכט, וואו דער ארבייטער האט די מעגליכקייט ענטשיידען איינצוווירקען אויף דער געזעצגעבונג און וואו די בימה פון פארלאמענט האט זיך ארויסגעוויזען פאר דעם בעסטען אגיטאציאנס־מיטעל. אויב די אנארכיסטען וואלטען געפאדערט אבצוזאגען זיך פון פארלאמענטארישען קאמפף נאר דארטען, וואו דער פארלאמענט איז לחלוטין אהנמעכטיג, וואו דער אנטייל אין די וואהלען איז מעגליך נאר פאר א טייל פון דעם ארבייטער־קלאס, וואו אבגעבען זיך מיט די וואהלען הייסט אויף אזא אופן, ניט מעהר, ווי פטר'ן אומזיסט קרעפטען, — דאן וואלט מען געקענט פערשטעהן די אויפפיהרונג פון די אנארכיסטען. אבער ניט בענוצען דעם פארלאמענט ביי יעדערליי בעדינגונגען — דאס הייסט ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי אוועקווארפען אין א זייט א וויכטיגען כלי־זין פון דעם בעפרייאונגס־קאמפף פון דעם ארבייטער־קלאס און טהאן דערמיט א טובה די שונאים פון דעם פראלעטאריאט.

ביז אהער האבען, איבעריגענס, די אנארכיסטען קיין סך ניט אויפגעטהון מיט זייער אגיטאציע געגען די וואהלען, כאטש אפילו זיי האבען דורך איהר אין אנדערע געגענדען אויף א געוויסער צייט געשטערט דעם פראלעטאריאט צו גיהן פארווערטס אין זיין

קאמפף. די פאקטען האבען אבער בעוויזען, אז דער ארבייטער־
קלאס געהט דאך אום טוס מיט זיין אייגענעם וועג. אלין טיעפער
הייבען די ארבייטער אן צו פערשטעהן די אורזאכען פון זייער
אונטערדריקונג, אלין מעהר וואקסען אויס זייערע קאמפפס־
באטאליאנען און אלין גרעסער ווערט זייער איינפלוס אויף דעם
געזעלשאפטליכען לעבען, אין דער צייט ווען די אנארכיסטישע
הייפלעך ווערען צוברעקעלט און צופיצעלט. וואו די בעדינגונגען
פון לעבען זענען זעהר געשלאגענע קען אפשר דער אנארכיזם וואו
ניט וואו בעקומען אנהענגער פאר זיינע פאנטאזיעס, ער קען אפיל
אנ'אנדערם מאל געווינען אויף א צייט א נייען באדען, די צוקונפט
געהערט אבער דאך דער מעכטיגער כוואליע פון דעם פארווערטס־
געהענדען געדאנק פון דעם סאציאליזם.